# די קענערין אין סווינציאַן

פֿון הירשע־דוד קאַץ (ווילנע)

שוין ניטאָ קיין סך שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע וווּ מ׳קען בײַם הײַנטיקן טאָג טרעפֿן „אַ ייִדן אַ ריכטיקן קענער אין די ייִדישע זאַכן". אין דער איצטיקער סטאַדיע דאַרף מען אַזאַ באַגריף אויפֿנעמען אין צווייען: ראשית־כּל, אַ בר־דעת אין ייִדיש וויסן (צי אין פֿרומען צי אין סעקולערן תּחום, הכּלל: אין אַוועלכן ניט איז געביט פֿון דער פֿילפֿאַרביקער ייִדישער טראַדיציע); והשנית, אַ קענער אינעם לאָקאַל־אייגנאַרטיקן פֿאַר־מלחמהדיקן לעבן אין אָט־אָ דעם (צי אַפֿילו אַ שכנותדיקן) שטעטל.

ס׳איז טרויעריק, אָבער פֿאָרט אַן אמת, אַז זעכציק יאָר נאָכן אויסמאָרד פֿון אַן ערך 95% ליטווישע ייִדן, רעכנט זיך אַ ייִד אַ קענער דאָ פֿאַר אַ מין „פֿענאָמען" אין אַמאָליקן „האַרץ־לאַנד" פֿון דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער ציוויליזאַציע. פֿונדעסטוועגן ווערט דער טרויער געלינדערט, נאָכמער: דער טרויער איז גאָר עלול מגולגל צו ווערן אין בפֿירושדיקער פֿרייד, דעמאָלט אַז מ׳איז זוכה צו טרעפֿן אַ ייִד אַ קענער אין אַ הײַנטיקן מזרח־אייראָפּעיִשן שטעטל. דער פּלא־פּלאים דאַרף זיך רעכענען פֿאַר נאָך מער מערקווירדיק, אַז מען נעמט אין באַטראַכט דעם האַלבן יאָרהונדערט פֿון דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס האָט דאָך קיין מי (און ברוטאַלקייט) נישט געשפּאָרט אויסצוּוואָרצלען, איעדן שמץ פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט.

אַלעמערשטנס גייט אין דער פּשוטער מענטשלעכער פֿרייד פֿון די־אָ באַגעגענישן: אַ ייִד אַ קענער אין ייִדישע זאַכן, אַן איין־איינציקער אין אַ ריזיקן געאָגראַפֿישן שטח, דערפֿרייט זיך אין־לשער, אַז ס׳איז דאָ מיט וועמען צו ריידן ייִדיש, אַז מען קומט אים אָדער זי אויסזוכן; אַז ס׳נעמען אויף דער עלטער אויפֿשווימען נײַע חבֿרים, גוטע־פֿרײַנד, און באַקאַנטע פֿון איבער דער וועלט, גראָד איצטער, אין די אויפֿגאַנג־יאָרן פֿון 21סטן יאָרהונדערט. „אַז מ׳לעבט..."

אין משך פֿון די לעצטע צען יאָר פֿרײַהייט איז שיִער נישט יעדער „קענער" – זיי אַלע צו לאַנגע געזונטע יאָרן – געוואָרן אַ מין „וועלט־אַדרעס". ייִדן פֿון אַ סך לענדער (מער פֿון אומעטום: ישׂראל און צפֿון־אַמעריקע) קומען פֿרעגן אַלערלייִיקע פֿראַגן וועגן שטעטל פֿון זייערע אָבֿות (אָדער די אייגענע קינדעריאָרן), וועגן דעם אומקום, וועגן דער הײַנטיקער מערכה. קינדער און קינדס־קינדער, וועלכע האָבן אפֿשר אַמאָל געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס צום אָפּשטאַם פֿון זייער משפּחה, זײַנען מיטאַמאָל להוט צו זען מיט אייגענע „קוקערס" אַוווּ עס איז געשטאַנען דער בית־מדרש, דער חדר, דער בית־עולם און די משפּחה־שטוב גופֿא.

אין דער הײַנטיקער ליטע איז די אַמערסטנס באַקאַנטע קענערין: בלומע כּ״ץ, איר צו לאַנגע געזונטע יאָרן. אַליין איז זי אַ געבאָרענע אין ווילנע (האַרט פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה) אויף אַן אַמאָליק באַליבט ווילנער געסל „גיטקע־טויבעס זאַוואַליק" (הײַנט צו טאָג: .מיקאָלאַיאַוס"). אירע ערשטע זכּרון־בילדער זײַנען פֿון דער ערשטער וועלט מלחמה אין ווילנע, ווי די שטאָט האָבן „אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק" פֿאַרנומען דײַטשן, פּאָלאַקן, רוסן, ווײַסרוסן, ליטווינער, ביז וואַנעט די שטאָט איז אין 1920סטן יאָר שוין פֿאַרבליבן אונטער דער פּוילישער מאַכט (ביז סעפּט. 1939).



צום סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בלומע מיידלווײַז אַוועק מיט איר מאַמען אין סווינציאַן, צו צפֿון־מזרח צו, וווּ איר פֿאָטערס משפּחה האָט פֿון דור־דורות געלעבט (דעם פֿאָטער האָט זי נישט געקענט; ער איז אַוועק אין אַמעריקע פֿאַר איר געבורט, ווידער חתונה געהאַט און פֿון זיך „נישט געלאָזן הערן"...)

אין סווינציאַן האָבן ביזן חורבן געלעבט כּמעט פֿיר טויזנט ייִדן, אַן ערך אַ העלפֿט פֿון דער באַפֿעלקערונג. סווינציאַן איז אין דער רוסישער אימפּעריע געווען אַ „קרײַז־שטאָט" מיט אַ לאַנגער און רײַכער ייִדישער געשיכטע. דאָרטן איז געווען אַ ישיבֿה און אַן ערך צען בתּי־מדרשים (די צוויי גרעסטע האָבן זיך גערופֿן „דער אַלטער בית־מדרש" און „דער נײַער בית־מדרש").

און אין סווינציאַן, ערגעץ אַרום 1920, איז די פּיצינקע בלומקע געשטאַנען לעבן דער טיר פֿון דער נאָרוואָס אויפֿגעעפֿנטער ייִדישיסטישער שול (פֿון דער „צע־בע־קאָ" – ווילנער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס איז געווען אַפֿילייִרט מיט דער וואַרשעווער ציש״אָ־נעץ). די פֿאַרוואַלטערין, דבֿורה פֿישער, האָט זי גערן אַרײַנגענומען, נישט קוקנדיק וואָס קיין שׂכר־לימוד האָט די אָרעמע מאַמע נישט געקענט באַצאָלן. לאַנג האָט נישט געדויערט, בלומקע איז געוואָרן די בעסטע תּלמידה און בשעת־מעשׂה אַ לעבנלאַנגע פֿאַרליבטע אין דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר. איר מיידלשער (און אייביקער) חלום: ווערן אַ ייִדישע לערערקע.

נאָכן ענדיקן אָט די סווינציאַנער ייִדישע שול איז בלומע אַוועק אין ווילנע ווערן אַ תּלמידה אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר. דאָרטן האָט זי שטודירט בײַם גרויסן ייִדישן פֿילאָלאָג און ייִוואָ־גרינדער ד״ר מאַקס ווײַנרײַך און בײַם מײַסטערישן ייִדישן פּאָעט משה קולבאַק (וועלכער האָט געלערנט דראַמע און אויפֿגעפֿירט מיט די תּלמידים קלאַסישע פּיעסן).

בלומע מיט איר חתן שמעון יאַוויטש, אויך אַ סעמינאַריסט, האָבן זיך נאָענט געחבֿרט מיט די אָנטיילנעמער אין דער שרײַבער און קינסטלער גרופּע „יונג ווילנע".

אין 1932 האָט אָבער די ייִדיש־ייִדישע דערציִונג אויפֿן אוניווערסיטעטישן ניוואָ אין ווילנע געכאַפּט אַ שווערן קלאַפּ. די פּוילישע מאַכט האָט פֿאַרמאַכט דעם סעמינאַר, אַ פּנים ווי טייל פֿון דער אַסימילאַטאָרישער פּאָליטיק (אַז מען וועט נישט אויסשולן קיין נײַע ייִדישע לערער...), און אויך (דאַרף מען צוגעבן) ווי טייל פֿון אַן אַנטיסעמיטישער שטעלונג, לויט וועלכע אַלע ייִדישע סאָציאַליסטן זײַנען

(סוף אויף זײַט 22)

